16) 11.8.68 רעפעראַט פון י. אָרבאַך א.ד.ט. „לאָנדאָן—פּאַריז—בערלין—תל־אביב״. פּאָרזיצער — ש. גאָלדשטיין.

17) 25.8.68 שלושים־אָוונט נאָך חיים ראָזענבעס ע״ה, איינגעאָרדנט צוזאַמען מיטן יידישן הילפס־פאָנד און „בונד״. רעדנער: ה. באַכראַך, ס. בורשטין, י. קאַהאַן, קורט ליפּמאַן. פּיאַנאָ — מרים ראָכלין.

18) 1.9.68 שלושים־אָוונט נאָך ד״ר א. צימערמאַן ע״ה אין קאָולפילדער צענטער, איינגעאָרדנט צוזאַמען מיטן פעדעראַלן ראַט פון פּוילישע יידן, פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, ציוניסטישן ראַט, לאָדזשער צענטער און „לאַנדסמאַן״. רעדנער: י. איינהאָרן, ה. בערגנער, י. לעוויטאַן, מ. ראָט, ל. פרידמאַן, י. שפּערלינג. „אל מלא רחמים״ און קדיש — חזן א. אַדלער.

19) 29.9.68 געזעגענונגס־אָוונט פאַר י. קערש און פרוי צו זייער אָפּפאָר קיין ישראל זיך דאָרט צו באַזעצן, איינגעאָרדנט אין „ציון״־רעסטאָראַן, צוזאַמען מיטן ראַט פון פּוילישע יידן, פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און „לאַנדסמאַן״. רעדנער: י. אָרבאַך, ה. בערגנער, י. לעוויטאַן, י. מ. לעווין, הרב ד״ר י. ראַפּאַפּאָרט, י. רובינשטיין, א. סאָקאָלאָוויטש.

20) 10.11.68 פייערלעכע דערעפענונג פון דער נייער „קדימה״־היים. רעדנער: ס. בורשטין, מ. אשכנזי, נ. בעלער, י. גיליגיטש. אין אַרטיסטישן טייל: רחל האָלצער, בעטי מעלניק, נחמה פּאַטקין, רבקה גאַווענדאַ, העלען סאַניקי, אַרטור טערנבול, שיע טיגעל, מאיר צעפּראָוו, י. דעטאַוער, ראָוז און דעני קליינמאַן, סילוויאַ פּאָרטעק, רחל פּאָדעמסקי, יאַשאַ שער, ב קאַלושינער, מרים ראָכלין, שלום שוואַרץ און מיטגלידער פון „הצלילים״־געזאַנג־גרופּע.

צ. גערשאָוו, ר. לעוויטאַ, פּ. מילכמאַן, מ. פיינטוך, מ. צעפּראָוו, ל. צוקער, ש. שוואַרץ און י. שער.

## „קדימה"־אונטערנעמונגען אין משך פון באַריכט־יאָר

1) 24.3.68 רעפעראַט פון שמואל ראָזשאַנסקי א.ד.ט. „פּאַרוואָס איז שלום עליכם אַריין אין דער מאָדע?". פּאָרזיצער — ש. גאָלדשטיין.

2) 31.3.68 רעפעראַט פון שמואל ראָזשאַנסקי א.ד.ט. „ארץ ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור און יידישע ליטעראַטור אין מדינת ישראל". פּאָרזיצער — פּ. אַלטמאַן.

3) 7.4.68 רעפעראַט פון שמואל ראָזשאַנסקי א.ד.ט. „עלטערן און קינדער אין דער יידישער ליטעראַטור". פּאָרזיצער — י. אָרבאַך.

4) 9.4.68 56־טע יערלעכע „קדימה"־פאַרזאַמלונג.

5) 21.4.68 הזכרה ביים מצבה־מאָנומענט צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים אויפן קאַרלטאָנער בית־עולם. רעדנער: הרב חיים גוטניק, נ. בעלער, וו. יאַבלאָנסקי. „אל מלא רחמים" און קדיש — חזן א. אַדלער.

6) 21.4.68 רעפעראַט פון שמואל ראָזשאַנסקי א.ד.ט. „יונגע אין דער יידישער ליטעראַטור". פּאָרזיצער — ל. פרידמאַן.

7) 21.4.68 – 28.4.68 אויסשטעלונג פון חורבן און ווידערשטאַנד, צוגעגרייט דורך דער געזעלשאַפט „פריינד פון יצחק קאַצענעלסאָן מוזעאום אין ישראל" ביים פעדעראַלן ראַט פון פּוילישע יידן און פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן מיט דער הילף פון „קדימה" אין לאָקאַל פון בני־ברית.

8) 25.4.68 פייערלעכע אַקאַדעמיע צום 25־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, איינגעאָרדנט אין מעלבורנער טאַון־האָל דורך דעם „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" און דער „קדימה" צוזאַמען מיט דעם ציוניסטישן ראַט, פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, קאַצעטלער־פאַרבאַנד, פאַרבאַנד פון געוו. יידישע זעלנער, יידישער יוגנט־ראַט, בני־ברית, אָרטאָדאָקסישע און ליבעראַלע שולן. רעדנער: שמואל ראָזשאַנסקי פון בועָנאָס איירעס, ראַביי מ. זענגער, א. זייבל (יוגנט־רעדנער). „אל מלא רחמים" און קדיש — חזן א. אַדלער. פּאָרזיצער — נ. בעלער. אין אַרטיסטישן טייל: כאָר פון הר הצופים־שול, כאָר פון י. ל. פּרץ און שלום־עליכם־שולן, רחל געטלער, ש. לעבענשטיין, מ. מעדאָוויק, מרים ראָכלין.

9) 27.4.68 רעפעראַט פון שמואל ראָזשאַנסקי א.ד.ט. „מדינת ישראל און די יידישע וועלט". עס גרזעגענען ש. ראָזשאַנסקין: ס. בורשטין, ה. בערגנער, ש. גאָלדשטיין, י. קאַהאַן, ל. פרידמאַן.

10) 10.5.68 אָוונט לכבוד ה. בערגנער, ל. פרידמאַן און י. קערש צו זייער קומען פון אַ באַזוך אין ישראל, ווו זיי האָבן אָנטיילגענומען אין וועלט־צוזאַמענטרעף פון יידישע זשורנאַליסטן. ה. בערגנער האָט אויך באַזוכט פאַר. שטאַטן, קאַנאַדע און אייראָפּע, אַריינגערעכנט פּוילן. פּאָרזיצער — ס. בורשטין.

לעבן. ער האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין הויבן דעם גייסטיקן ניוואָ פון אונ־דזער ישוב.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט טרויער־מוזיק, געשפּילט דורך מרים ראָכלין.

## דאַנק־אויסדרוקן

דער קאָמיטעט דריקט אויס אַ האַרציקן דאַנק און אָנערקענונג דעם פריינד י. אָקנאָ, ז״ל — ערן־אַדוואָקאַט פון דער „קדימה״ — פאַר זיין פריוויליקער און איבערגעגעבענער אַרבעט ביים דערליידיקן די יורידישע ענינים פון דער אינסטיטוציע. באַזונדערס ביים דורכפירן די קניה פון דעם „עסקווייער״־טעאַטער און ביים פאַרקויפן די אַלטע געביידעס פון דער „קדימה״; די „יידישע נייעס״ און „דזשואיש ניוס״ פאַר אָפּגעבן פּלאַץ פאַר די נאָטיצן און באַריכטן פון דער „קדימה״; דער פרויען־גרופּע ביי דער „קדימה״ פאַר אָפּגעבן צייט און מי אויף איינצואָרדענען און פאַרשענערן די „קדימה״־אונטערנעמונגען.

## באַריכט פון דוד הערמאַן טעאַטער

דאָס יאָר 1968 איז אַדורך אָן אַ גרעסערער טעאַטער־אויפפירונג. די סיבה דערפון איז געווען די אַלגעמיינע לאַגע ..ין דער „קדימה״. דאָס פאַר־קויפן די אַלטע געביידע און דאָס איבערציען זיך אויף דעם נייעם אָרט האָט גענומען אַ לענגערע צייט און האָט נישט דערלויבט דעם קרייז אויפצופירן אַ נייע פאָרשטעלונג.

אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דעם טעאַטער־קאָלעקטיוו איז געווען דער טויט פון די פיר אַקטיווסטע מיטגלידער: זיגמונט ברוסטמאַן, חנהטשע קאַטלאַזש, בערל ראָזענבערג און ישראל ראָטמאַן.

דער טעאַטער־קרייז האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט ביים איבערנעמען דעם נייעם „קדימה״־צענטער און דורכגעפירט די אַרטיסטישע פּראָגראַמען אויפן פייערלעכן דערעפענונג־אָוונט און אויף דער מענדעלע מוכר ספרים־אַקאַדעמיע.

עס זענען געגעבן געוואָרן קאָנצערטן פאַר די איינוווינער פון מאָנטע־פיאָרע־היים און אין די אַרבעט־וואַרשטאַטן ביים הילפס־פאָנד. דער קרייז האָט אויך אָנטיילגענומען אין אַ גאַנצע ריי אַפּיל־אָוונטן.

עס זענען דורכגעפירט געוואָרן צוויי פאַמיליע־אָוונטן: אַ באַגעגעניש מיטן שרייבער ש. ראָזשאַנסקי און אַ געזעגענונגס־אָוונט מיטן קאָמיטעט־מיטגליד שמואל האָכגעלערנטער און זיין משפחה צו זייער אַוועקפאָרן קיין ישראל זיך דאָרט צו באַזעצן.

איצט אַרבעט דער טעאַטער־קרייז איבער אַ נייער אויפפירונג אונטער דער רעזשי און אָנטייל פון רחל האָלצער. די פאָרשטעלונג וועט געגעבן ווערן אַזוי גיך ווי די נייע בינע וועט אויסגעבויט ווערן. עס ווערן אויך אויסגע־אַרבעט פּלענער פון אַ פאַרשטאַרקטער און פאַרצווייגטער טעטיקייט.

דער קאָמיטעט פון קרייז באַשטייט פון די פאָלגנדע חברים: ט. גינטער,

אליהו האָניג, דער וויצע־דירעקטאָר פון אָרגאַניזאַציע און אינפאָרמאַ־ציע־דעפּאַרטאַמענט פון ירושלימער אוניווערזיטעט, האָט דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון דער יידיש־אָפּטיילונג אין דעם ירושלימער אוניווערזי־טעט און וועגן דעם פּראָיעקט אַרויסצוגעבן דאָס גרויסע ליטעראַריש־פאָרשעריש ווערק — 12 בענדער פון מענדעלע מוכר ספרים.

דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון ועד הקהילות אין אַרגענטינע, הערש טריוואַקס, וואָס איז געווען דאַן צו גאַסט אין מעלבורן, האָט באַגריסט די פּייערונג אין נאָמען פון דעם אַרגענטינער ישוב און האָט צוגעזאָגט די שטיצע פון אַרגענטינער ישוב פאַר דעם פּראָיעקט.

יצחק קאַהאַן האָט געהאַלטן אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן מענדעלען און אָנגעוויזן אויף זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער און העברעאישער שפּראַך און ליטעראַטור און אויף די הומאַניטאַרע ווערטן אין מענדעלעס שאַפונגען.

י. רובינשטיין האָט געלייענט באַגריסונגען פון דעם פּרעזידענט פון העב־רעאישן אוניווערזיטעט אליהו אילת, פּראָפ. ח. ראבין אין נאָמען פון דער יידיש־וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע אין ירושלים, פּראָפ. דב סדן און פון ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין אויסטראַליע, שמחה פּרת.

אין דעם אַרטיסטישן טייל האָט די קינסטלערין רחל האַלצער רעצי־טירט ה. לייוויקס פּאָעמע „מענדעלע פאָרט קיין קאַבצאַנסק און פאַרבלאָנ־דזשעט אין וואַלד". שיע טיגעל, חנה לייט, משה פיינטוך, שמעון קינג, מאיר צעפּראָוו, יאַשאַ שער און שלום שוואַרץ האָבן געגעבן צוויי פראַגמענטן פון „די קליינע מענטשעלעך" און „מסיעות בנימין השלישי", איינגעשטעלט דורך שיע טיגעל און אין מוזיקאַלישער באַאַרבעטונג פון ברוך קאַלושינער. פּיאַנאָ־אַקאָמפּאַנימענט פון בעטי מעלניק. שילער פון י. ל. פּרץ־ און שלום עליכם־שולן האָבן רעציטירט איניקע פּאָעמעס וועגן מענדעלען.

## אַנדענק־אָוונט נאָך יעקב ריימער ע"ה

דעם 16־טן פעברואַר 1969 איז פאָרגעקומען אַן אָנדענק־אָוונט נאָך יעקב ריימער ע"ה. דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער „קדימה", ח. נ. ביאַליק־שול, פּאַראייניקטן ישראל־אַפּיל און „הבונים"־עלטערן־קאָמי־טעט.

די פריינד י. אָקנאַ, ס. בורשטין, ש. גאָלדשטיין, י. מאַגיט, י. קיפּען און ל. פרידמאַן האָבן גערעדט וועגן דעם נפטר און אונטערגעשטראָכן זיינע גרויסע פאַרדינסטן פאַרן היגן יידישן לעבן, באַזונדערס אויפן קולטור־געביט. ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער „קדימה" זינט זיין קומען קיין מעלבורן מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק און לאַנגע יאָרן געווען פּרעזידענט פון דער אינסטיטוציע. ער איז אויך געווען טעטיק אַ צייט אין דער ח. נ. ביאַליק־שול און אין „הבונים"־עלטערן־קאָמיטעט ווען עס איז געבויט געוואָרן דאָס „הבונים"־הויז. ער איז געווען וויצע־פּרעזידענט אין דעם ישראל־אַפּיל־די־רעקטאָראַט און איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די אַפּילן אין די צפונדיקע פאָרשטעט, וואָס פלעגן דורכגיין מיט גרויס דערפאָלג.

די רעדנער האָבן אָנגעוויזן, אַז יעקב ריימער איז געווען אַן איבער־געגעבענער טוער, אַריינגעטאָן אין יידישער קולטור־אַרבעט מיט לייב און

אין נאָמען פון די פּאַלקסטימלעכע יידן האָט באַגריסט י. גיליגיטש. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם באַרג־אַרויף פון דער „קדימה" פון אַ באַשיידענעם אָנהויב פון אַ ביבליאָטעק ביז צו אַ פאַרצווייגטער טעטיקייט, וואָס נעמט אַרום רעפּערטואַרן פון אויסלענדישע לעקטאָרן, געסט־אַרטיסטן פון אויסלאַנד א.אַ.וו.

אַלע באַגריסער האָבן אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז אין דער נייער געביידע וועט די „קדימה" קענען אויסברייטערן איר טעטיקייט און האָבן געווונטשן איר דערפאָלג. צום אָוונט זענען געלאַדן געוואָרן פאַרשטייער פון צענדליקער אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, אָבער די צייט האָט נישט דערלויבט צו געבן אַלעמען אַ וואָרט.

אין דעם אַרטיסטישן פּראָגראַם האָט בעטי מעלניק געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ אַ בינטל יידישע מעלאָדיעס. רחל האַלצער און רבקה גאַוועגדאַ האָבן געגעבן אַ פראַגמענט פון דער פּיעסע „אַ טאָג אין איר לעבן". נחמה פּאַטקין האָט געזונגען מיט צוויי מיטגלידער פון „הצלילים" ישראל־לידער. מ. צעפּראָוו און י. דעסאַוער האָבן אינסצעניזירט א. שטיינבאַרגס משל „שפּיז און נאָדל". העלען סאַניקי האָט געזונגען יידישע און ענגלישע לידער ביים אַקאָמפּאַנימענט פון מרים ראָכלין. אַרטור טערנבול האָט אויסגעפירט אַ טאַנץ א"נ „מחשבה". די קינסטלערין רחל האַלצער האָט רעציטירט. ראָזע און דעני קליינמאַן, סילוויאַ פּאָרטעק, רחל פּאָדעמסקי און שיע טיגעל האָבן געזונגען לידער פון דעם „פידלער אויפן דאַך" אין דער מוזיקאַלישער באַאַרבעטונג פון ב. קאַלושינער און אינסצעניזאַציע פון שיע טיגעל. אין דער אינסצעניזאַציע האָט אויך אָנטיילגענומען שלום שוואַרץ. אַקאָמפּאַנירט האָבן בעטי מעלניק אויף דער פּיאַנאָ און מר. מעלאָדי אויפן פידל. יאַשאַ שער האָט אָנגעפירט מיט דעם אַרטיסטישן טייל פון דעם אָוונט.

די אַרטיסטן זענען אַרויסגעטראָטן אָן אַן אָפּצאָל. דאָס איז געווען זייערביישטייער פאַר דער „קדימה".

די פּייערלעכע דערעפענונג, דער פאַרשידנאַרטיקער און רייכער אַר־טיסטישער פּראָגראַם און די יום־טובדיקע שטימונג האָבן שטאַרק באַאיינ־דרוקט די פאַרזאַמלטע.

## פּייערלעכער מענדעלע מוכר ספרים־אָוונט

אַ גרויסער עולם איז געקומען דעם 8־טן דעצעמבער 1968 אויף דעם פּייערלעכן אָוונט אָפּצוצייכענען די 50־טע יאָרצייט נאָך דעם „זיידע" פון דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע מוכר ספרים.

דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער „קדימה", דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז צוזאַמען מיט דער „חיים רובינשטיין קולטור־פונדאַציע" און פריינד פון העברעאישן אוניווערזיטעט. די ריינע הכנסה פון דעם אָוונט איז באַשטימט געוואָרן אויף צו העלפן אַרויסצוגעבן מענדעלעס ווערק אין יידיש און העברעאיש דורך דעם העברעאישן אוניווערזיטעט אין ירושלים.

דעם אָוונט האָט געעפנט דער פּאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע פון דער „קדימה", י. יאָרבאַך אָנווייזנדיק, אַז דער וווּנדערבאַרער שיין פון מענ־דעלע מוכר ספרימס גייסט לייכט נאָך היינט און אויסדריקנדיק די האָפענונג, אַז ער וועט נאָך לייכטן אין משך פון פיל דורות.

עס איז פֿאַרגעלייגט געוואָרן צו שאַפֿן אַ פֿאָנד אויף אַרויסצוגעבן אַן אָפּקלייב פֿון זיינע פֿילצאָליקע עסייען און נישט־פֿאַרעפֿנטלעכטע קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור, בינע־קונסט און מאָלעריי, ווי אויך אַ צאָל לידער.

## געזעגענונגס־אָוונט פֿאַר י. קערש און פֿרוי

דעם 28־טן סעפּטעמבער 1968 איז אין „ציון"־רעסטאָראַן פֿאָרגעקומען אַ געזעגענונגס־אָוונט לכבוד יהודה קערש און זיין פֿרוי צו זייער אָפּפֿאָר קיין ישראל זיך דאָרט צו באַזעצן. דער אָוונט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער „קדימה", פֿעדעראַציע פֿון די לאַנדסמאַנשאַפֿטן און רעדאַקציע פֿון „לאַנדסמאַן".

די פֿריינד י. אָרבאַך, ה. בערגנער, י. מ. לעווין, הרב ד"ר י. ראַפּאַפּאָרט, י. רובינשטיין און א. סאָקאָלאָוויטש האָבן געזעגנט די אָפּפֿאָרנדיקע פֿריינד און געווונטשן זיי הצלחה אין זייער ווייטערדיקן לעבן אין מדינת ישראל. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז י. קערש וועט פֿעלן דעם היגן יידישן ישוב אַלס פֿרעלע־גענט און שרייבער און אַקטיווער מיטאַרבעטער פֿון „לאַנדסמאַן".

י. קערש האָט געדאַנקט די אינסטיטוציעס, וואָס האָבן איינגעאָרדנט דעם אָוונט און די פֿריינד, וואָס האָבן אים געזעגנט. נאָך דעם האָט ער געהאַלטן אַ רעפֿעראַט וועגן דער ראָל און באַדייטונג פֿון קאַמף פֿאַרן המשך און קיום פֿון יידישן פֿאָלק, אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט פֿון אָנווענדן נייע מעטאָדן, צוגעפּאַסט צו די מאָדערנע צייטן.

## פֿייערלעכע דערעפֿענונג פֿון דער נייער „קדימה"־היים

ביי אַ פֿול־געפּאַקטן זאַל איז דעם 10־טן נאָוועמבער 1968 פֿאָרגעקומען די פֿייערלעכע דערעפֿענונג פֿון דער נייער „קדימה"־היים. צענדליקער מענטשן האָבן נישט געקאָנט אַריינגיין אין זאַל צוליב פֿעלן פֿון פּלעצער.

דער יום־טובדיק געשטימטער עולם האָט אויסגעפֿילט דעם שיינעם זאַל, פֿאָיע און רעסטאָראַן פֿון דעם געוו. „עסקווייער"־טעאַטער, געמאַכט אַ „לחיים" און זיך געווונטשן מזל־טוב צום איבערגיין אין דער נייער געביידע.

אין זיין דערעפֿענונג־רעדע האָט דער פּרעזידענט פֿון „קדימה" ס. בור־שטין אָנגעוויזן אויף דעם וועג, וואָס די אינסטיטוציע האָט דורכגעמאַכט אין משך פֿון אירע 57 יאָר עקזיסטענץ, גערעדט וועגן אירע אויפֿטוען אויף פֿאַר־שידענע געביטן פֿון היגן יידישן לעבן און זיך אָפּגעשטעלט אויף אירע אויפֿ־גאַבעס אין דער צוקונפֿט.

עס איז געלייענט געוואָרן אַ באַגריסונגס־בריוו פֿון דעם ישראל־אַמבאַ־סאַדאָר אין אויסטראַליע.

אין נאָמען פֿון ראַט פֿון אויסטראַלישן יידנטום האָט באַגריסט מ. אשכנזי קיו.סי. ער האָט אויסגעדריקט זיין באַוווּנדערונג פֿאַר די יידיש־רעדנדיקע יידן, וואָס ווייזן אַרויס אַ שטאַרקן ווילן אויפֿצוהאַלטן אונדזער ירושה.

דער פּרעזידענט פֿון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס" נ. בעלער האָט באַגריסט אין נאָמען פֿון „באָאַרד" און האָט אונטערגעשטראָכן די גרויסע ראָל וואָס דער יידיש־רעדנדיקער סעקטאָר שפּילט אין היגן יידישן לעבן.

## שלושים־אָוונט נאָך חיים ראָזענבעס ע״ה

אַ גרויסער עולם איז געקומען דעם 25־טן אויגוסט 1968 צו דעם שלושים־אָוונט נאָך חיים ראָזענבעס ע״ה, איינגעאָרדנט דורך דער „קדימה״, יידישן הילפס־פאָנד און דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

די פריינד ס בורשטין, ה. באַכראַך, קורט ליפּמאַן און י. קאַהאַן האָבן גערעדט וועגן דעם נפטר. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז פון דער פריסטער יוגנט אָן האָט חיים ראָזענבעס געטריי געדינט דעם יידישן פאָלק, פריער אין זיין היים־שטאָט וואַרשע, שפּעטער אין שאַנכיי און צום סוף אין מעלבורן. אין וואַרשע איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער ס״ס־פּאַרטיי (ציוניסטן־סאָציאַליסטן) און שפּעטער ביי די „אומפּאַרטייאישע סאָציאַליסטן״. זיין אינטערעס איז געווען געווענדעט צום יידישן קינד, באַזונדערס צום יידישן אַרבעטער־קינד. ער איז געווען פאַרטראָטן אין דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „צישאָ״ און אין וועלט־עקזעקוטיוו פון „אָרט״. פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער יידישער יוגנט איז געווען איינער פון זיינע לעבנס־אידעאַלן, וועלכן ער האָט אַוועקגעגעבן פיל פון זיינע כוחות אין פּוילן און שפּעטער אין שאַנכיי.

אין מעלבורן איז חיים ראָזענבעס געווען טעטיק אין דער „קדימה״ הילפס־פאָנד און „בונד״. באַזונדערס איז ער געווען איבערגעגעבן דער „קדי־מה״, ווו ער האָט פאַרנומען אַ ריי יאָרן דעם אַמט פון וויצע־פּרעזידענט. ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט ער זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט טרויער־מוזיק, געשפּילט דורך מרים ראָכלין.

## שלושים־אָוונט נאָך ד״ר א. צימערמאַן ע״ה

דעם 1־טן סעפּטעמבער 1968 איז אין קאָולפילדער צענטער איינגעאָרדנט געוואָרן אַ שלושים־אָוונט נאָך ד״ר א. צימערמאַן ע״ה דורך דער „קדימה״, פעדעראַלן ראַט פון פּוילישע יידן, פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, ציו־ניסטישן ראַט, לאָדזשער צענטער און דעם „לאַנדסמאַן״.

נאָך דעם ווי דער חזן א. אַדלער האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים״ און געזאָגט קדיש, האָבן די פריינד י. איינהאָרן, ה. בערגנער, י. לעוויטאַן, ל. פרידמאַן, מ. ראָט און י. שפּערלינג גערעדט וועגן דער פּערזענלעכקייט פון דעם נפטר.

זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז הגם ד״ר צימערמאַן האָט געלעבט אין סידנעי, איז אָבער זיין איינפלוס איבערגעוואָקסן די גרענעצן פון דער שטאָט. ער האָט באַווירקט דעם גאַנצן אויסטראַלישן יידישן ישוב. ער האָט געהאַט אַ טיפן גלויבן אין דעם פאָלקס־ייד, אין זיין כוח ממשיך צו זיין דעם קיום פון יידישן פאָלק, אין זיין צוגעבונדנקייט צו יידיש און צו יידישע קולטור־ווערטן. אַדאַנק אָט דעם טיפן גלויבן און אַדאַנק זיינע גרויסע פעאיקייטן, געפּאָרט מיט דער איינגעבוירענער עלעגאַנץ און האַרציקן צוגאַנג צו מענטשן איז ד״ר צימערמאַן געוואָרן דער נישט־נאָמינירטער, אָבער פאַקטישער וואָרט־זאָגער פון די אויסטראַלישע פאָלקס־יידן, זייער פאָן־טרעגער, קעמפער און מליץ יושר.

הרב חיים גוטניק, נ. בעלער און וו. יאַבלאָנסקי. חזן א. אַדלער האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים״ און געזאָגט קדיש.

*   *   *

פון 21.4.68 ביזן 28.4.68 איז אין זאַל פון בני־ברית איינגעאָרדנט גע־וואָרן אַ גרויסע אויסשטעלונג פון חורבן און ווידערשטאַנד, צוגעגרייט דורך דער געזעלשאַפט „פריינד פון יצחק קאַצענעלסאָן מוזעאום אין ישראל״ ביים פעדעראַלן ראַט פון פוילישע יידן און פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן מיט דער הילף פון דער „קדימה״.

די אויסשטעלונג האָט פאַרמאָגט פיל בילדער פון חורבן און ווידער־שטאַנד, צוגעשיקט פון דעם קאַצענעלסאָן־מוזעאום אין ישראל, אַ היפשע צאָל אַלבאָמען וועגן חורבן, יזכור־ביכער, ווי אויך אַ היפשע ליטעראַטור וועגן די חורבן־יאָרן. אַ נאַראַטיוו, אַראָפּגענומען אויף אַ „טייפּ״ האָט געגעבן אויפ־קלערונגען אין יידיש און ענגליש וועגן די אויסגעשטעלטע עקספּאָנאַטן.

די אויסשטעלונג האָט שטאַרק באַאיינדרוקט די גרויסע צאָל באַזוכער (קנאַפּע 2.000), צווישן זיי פיל יוגנטלעכע און קינדער.

## טרויער־אָוונט נאָך פיר מיטגלידער פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז און „קדימה״

דעם 14־טן יולי 1968 איז פאָרגעקומען אַן אָוונט געווידמעט דעם אָנדענק פון פיר אַקטיווע מיטגלידער פון דוד הערמאַן טעאַטער־קרייז און „קדימה״ — זיגמונט ברוסטמאַן ע״ה, חנה קאַטלאַזש ע״ה, בערל ראָזענבער ע״ה און ישראל ראָטמאַן ע״ה.

נאָכן שפּילן שאָפּענס טרויער־מאַרש דורך מרים ראָכלין, האָבן די פריינד י. אָרבאַך, ש. טיגעל און י. שער גערעדט וועגן די פיר נפטרים און זייער צושטייער פאַר דעם טעאַטער־קרייז און פאַר דער „קדימה״. זיי האָבן אָנ־געוויזן, אַז הגם די נפטרים זענען געווען פאַרשידן אין פיל הינזיכטן, האָט זיי אַלע פאַראייניקט איין ציל און איין שטרעבונג — אויפצוהאַלטן דאָס יידישע לעבן, די יידישע קולטור און באַזונדערס דאָס יידישע טעאַטער. בערל ראָזענבערג האָט געהאָלפן גרינדן דעם טעאַטער־קרייז און איז געווען אַ ריי יאָרן דער פאָרזיצער פון קרייז. ישראל ראָטמאַן איז געקומען קיין אויסט־ראַליע אַלס רוסישער אַקטיאָר. דאָ איז ער געוואָרן דער פּיאָנער פון יידישן טעאַטער. אויך ער איז געווען אַ ריי יאָרן דער פאָרזיצער פון קרייז. זיגמונט ברוסטמאַן האָט באַשיינט די פאָרשטעלונגען פון טעאַטער־קרייז מיט זיינע געלונגענע כאַראַקטעריזאַציעס און איז געווען אַ גרויסער חסיד פון דעם קרייז.

חנה קאַטלאַזש איז געווען שטאַרק טעטיק אין טעאַטער־קרייז און אין „קדימה״. זי האָט געהאָלפן צו פאַרשענערן די אונטערנעמונגען פוןביידע אינסטיטוציעס. געלעבט האָט זי איינזאַם און שווער פאַרדינט אויף חיונה. דער טראַגישער טויט האָט איר אויסגעלייזט פון גרויסע פיזישע און גייסטיקע ליידן. אירע שווער פאַרהאָרעוועטע געלטער האָט זי געלאָזן דער „קדימה״ און אַנדערע יידישע אינסטיטוציעס.

דער איינדרוקספולער אָוונט איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט צוויי שטאַרקע רעציטאַציעס, אויסגעפירט דורך דער קינסטלערין רחל האַלצער.

לערער״ אין בוענאָס איירעס. ער איז אַ צייט געווען דער פּאַרזיצער פון ייוו״אָ אין אַרגענטינע.

שמואל ראָזשאַנסקי האָט געהאַלטן זעקס רעפעראַטן אין מעלבורן און אייניקע אין סידנעי. ער איז אויך אַרויסגעטראָטן אויף די געטאָ־אַקאַדעמיעס אין מעלבורן און אין סידנעי. אין זיינע גייסטרייכע רעפעראַטן זענען געקומען צום אויסדרוק זיינע גרויסע קענטשאַפטן פון דער יידישער ליטעראַטור און זיין טיפער גלויבן אין יידיש און אין המשך פון יידישן לעבן איבער דער גאָרער וועלט.

גלייכצייטיק האָט שמואל ראָזשאַנסקי דורכגעפירט אין מעלבורן און אין סידנעי אַ דערפאָלגרייכע אַקציע פון שאַפן אַבאָנענטן פאַר די „מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַטור״, וואָס ווערן דורך אים רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן דורך דער געזעלשאַפט פאַר יידישער ליטעראַטור ביים ייוו״אָ אין בוענאָס איירעס.

## ספּעציעלע אונטערנעמונגען

### פייערלעכע אַקאַדעמיע צום 25־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד

דעם 25־טן אַפּריל 1968 איז פאָרגעקומען אין מעלבורנער טאַון־האָל אַ גרויסע טרויער־אַקאַדעמיע צום 25־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד.

די אַקאַדעמיע איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דעם „באָארד אָף דעפּיוטיס״ און דער „קדימה״, צוזאַמען מיט דעם ציוניסטישן ראַט, פעדעראַציע פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, קאַצעטלער־פאַרבאַנד, פאַרבאַנד פון די געוועזענע יידישע זעלנער, יוגנט־ראַט, בני־ברית, אָרטאָדאָקסישע און ליבעראַלע שולן. אַרום 3.000 מענטשן זענען געווען אָנוועזנד, צווישן זיי אַ גרעסערע צאָל יוגנטלעכע און קינדער.

דער הויפּט־רעדנער אויף דער אַקאַדעמיע איז געווען שמואל ראָזשאַנסקי פון אַרגענטינע. זיין רעדע האָט געלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק. עס האָבן אויך גערעדט ראַביי מ. זענגער, דער פּרעזידענט פון „באָארד אָף דעפּיוטיס״ נ. בעלער און אַ יוגנט־רעדנער — א. זייבל. חזן א. אַדלער האָט געמאַכט אַן „אל מלא רחמים״ און געזאָגט קדיש.

אין אַרטיסטישן פּראָגראַם האָבן אָנטיילגענומען די כאָרן פון דער הר־הצופים־שול און פון די יידישע שולן א״נ פון י. ל. פּרץ און שלום־עליכם. רחל געטלער האָט געזונגען אייניקע געטאָ־לידער ביים אַקאָמפּאַנימענט פון מרים ראָכלין. ש. לעבענשטיין און מ. מעדאָוניק האָבן רעציטירט.

די רעדעס און דער אַרטיסטישער פּראָגראַם האָבן געבראַכט צום אויסדרוק אונדזער פאַרערונג פאַר די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ און דעם גרויסן צער נאָך די זעקס מיליאָן קדושים.

* * *

דעם 21.4.68 איז אויפן קאַרלטאָנער בית־עולם פאָרגעקומען אַ הזכרה ביים מאָנומענט צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן קדושים. עס האָבן גערעדט

דער קאָמיטעט דריקט אויס זיין צופרידנקייט מיט דער אַרבעט פון די „קדימה"־באַאַמטע.

## באַוועגונג פון די מיטגלידער

צו דער פּאַראַיאָריקער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג האָט די „קדימה" געציילט 1374 מיטגלידער. אין משך פון באַריכט־יאָר האָבן 3 מיטגלידער פאַרלאָזן מעלבורן; 23 זענען געשטאָרבן; עס זענען צוגעקומען 22 נייע מיטגלידער. צו דער איצטיקער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג ציילט די „קדימה" 1370 מיטגלידער.

## ביבליאָטעק

אין פאַרגאַנגענעם יאָר זענען צוגעקומען 65 ביכער אין יידיש, ענגליש און העברעאיש. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט איצט 5805 יידישע ביכער, 2407 ענגלישע און 596 העברעאישע — צוזאַמען 8.808 ביכער.

לײדער איז די צאָל געליִענט ביכער ווידער געפאַלן לגבי פאַראַיאָרן מיט 113 (654 אין 1968 לגבי 767 אין יאָר 1967).

אין משך פון יאָר זענען געלייענט געוואָרן 603 יידישע ביכער לויט די פאָלגנדע געביטן: בעלעטריסטיק — 391; זכרונות — 79; חורבן־ליטעראַטור — 45; קריטיק — 29; רעפּאָרטאַזשן — 13; פּאָעזיע — 13; געשיכטע — 11; פילאָזאָפיע — 10; פּעריאָדיק — 9; פאָלקלאָר — 2; דראַמעס — 1.

נאָכן איבערציִען זיך קיין עלסטערנוויק, איז די ביבליאָטעק צייטווייליק טעטיק אין 5 סעלווין סטריט (אַ גאַס הינטער דער טעאַטער־געביידע) צוויי מאָל אין וואָך — זונטיק פון 11 אין דער פרי ביז 1 נאָך מיטאָג און דינסטיק פון 7.30 ביז 9.30 אָוונט.

אין עלסטערנוויק זענען צוגעקומען עטלעכע און צוואַנציק נייע לייענער. אין דער נייער געביידע, וואָס וועט אויסגעבויט ווערן הינטער דעם עקזיסטירנדיקן טעאַטער, וועט זיך געפינען אַ מאָדערנער זאַל פאַר דער ביבליאָטעק. דאָס וועט זיכער צוציִען פיל נייע לייענער.

## קולטור־טעטיקייט

אין משך פון דעם באַריכט־יאָר זענען פאָרגעקומען 9 רעפעראַטן, 2 אָוונטן לכבוד שרייבער און קולטור־טוער, 4 אָנדענק־ און שלושים־אָוונטן, 12 פילם־אָוונטן, אַן אַקאַדעמיע צום 25־טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, אַ פייערלעכער מענדעלע מוכר ספרים־אָוונט, פייערלעכע דערעפענונג פון דער נייער „קדימה"־היים. איינִיקע אָוונטן זענען איינגעאָרדנט געוואָרן מיט אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

## באַזוך פון שמואל ראָזשאַנסקי

שמואל ראָזשאַנסקי איז אַ באַקאַנטער שרייבער און פּובליציסט. ער איז אַ מיטאַרבעטער פון „די יידישע צייטונג" אין אַרגענטינע, פּראָפעסאָר אין יידישן לערער־סעמינאַר און אין דער „אַספּיראַנטור פאַר יידישע מיטלשול־

טאָג־טעגלעכן קאַמףביים פאַרטיידיקן די מדינה קעגן די בלוטדורשטיקע אַראַבישע שכנים, וועלכע האָבן נישט רעזיגנירט פון זייער שטרעבונג צו פאַרניכטן ישׂראל.

די „קדימה״ איז אויך באַזאָרגט צוליב דער וואַקסנדיקער אַסימילאַציע אין אונדזער ישוב, באַזונדערס ביי דעם יונגן דור. די שפּראַכלעכע אַסימילאַציע, די פאַרגרעסערטע צאָל געמישטע חתונות און די טיילווייזע אָפּפרעמדונג צום יידישן לעבן, זענען געפערלעכע סימנים פאַר דער צוקונפט פון אונדזער ישוב. דער קאָמיטעט האָפט, אַז מיטן איבערגיין פון דער „קדימה״ אין דער יידישער געגנט און מיטן אויסבויען די נייע געביידע וועט זי זיין אימשטאַנד צוציען יונגע יידישע מענטשן, וואָס זענען פאַראינטערעסירט אין אויפהאַלטן יידישע קולטור־ווערטן און אַזוי אַרום משפּיע זיין די יידישע יוגנט בכלל אין אויפהאַלטן איר יידישקייט.

## קאָמיטעט און עקזעקוטיוו

די לעצטע יערלעכע פאַרזאַמלונג פון די מיטגלידער איז פאָרגעקומען דעם 4־טן אַפּריל 1968, אונטער דעם פאָרזיץ פון פּר׳ סענדער בורשטין.

אויף דער ערשטער זיצונג פון ניי־אויסגעוויילטן קאָמיטעט, דעם 16־טן אַפּריל 1968, איז אויסגעוויילט געוואָרן אַן עקזעקוטיוו אין פאָלגנדיקן באַשטאַנד: פּר׳ ס. בורשטין — פּרעזידענט; פּר׳ פּ. אַלטמאַן און ה. ראָזענבעס — וויצע־פּרעזידענטן; פּר׳ פּ. קרישטאַל — ערן־קאַסירער; פּר׳ ב. וויסמאַן — געהילף פון ערן־קאַסירער; פּר׳ ש. גאָלדשטיין — ערן־סעקרעטאַר.

פּר׳ י. אָרבאַך איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע.

דער קאָמיטעט האָט אָפּגעהאַלטן אין משך פון באַריכט־יאָר 16 זיצונגען מיט דער פאָלגנדיקער באַטייליקונג: ס. בורשטין — 16; י. אָרבאַך, נ. סמושיק — 15; ל. גאָטליב, מ. ווילענסקי, ש. שוואַרץ — 14; פּ. אַלטמאַן, ה. בּאָרענשטיין, ש. ריכטער — 13; וו. יאַבלאָנסקי, א. קאָזלאָווסקי, פּ. קרישטאַל, מ. שוואַרצבערג — 12; ש. גאָלדשטיין, ב. וויסמאַן — 10; ב. ווינער, ב. פּאַטקין — 9; י. ליטמאַנאָוויטש, ה. מיאָדאָווניק — 8; ח. גאָלדענפּיין, ה. ראָזענבעס — 3.

ה. ראָזענבעס איז געשטאָרבן דעם 20־טן יולי 1968.

ש. גאָלדשטיין, ב. ווינער און ב. פּאַטקין האָבן דורכגעלאָזן אַ ריי זיצונגען צוליב זייער אָפּוועזנהייט אין מעלבורן.

דער עקזעקוטיוו האָט אָפּגעהאַלטן 9 זיצונגען.

די פאָרשטייער פון דער „קדימה״ אין „באָארד אָף דעפּיוטיס״ זענען געווען: ס. בורשטין, מ. ווילענסקי און מ. שוואַרצבערג. פאַרטרעטער: וו. יאַבלאָנסקי, ה. מיאָדאָווניק און ב. פּאַטקין.

## סעקרעטאַריאַט און אַדמיניסטראַציע

דער סעקרעטאַר פון דער „קדימה״ איז פּר׳ ל. פרידמאַן, ביבליאָטעקאַר — פּר׳ י. קעסלער. אַ קורצע צייט האָבן געאַרבעט אַלס ביבליאָטעקאַרן די פריינד: פּ. גאָלדהאַמער און ש. טשעראָן.

טיקט זיך אין צוויי וואָכן־צייטונגען הן אין יידיש, הן אין ענגליש און וועט באַגריסן יעדע איניאַציאַטיוו אויפצולעבן די פּאַרמאַכטע צייטונגען.

יידיש מעלבורן און באַזונדערס די „קדימה" האָבן געליטן פאַראַיאָרן אַ פּאַרלוסט צוליב דעם טויט פון צוויי איבערגעגעבענע קולטור־געזעלשאַפט־לעכע טוער — יעקב ריימער ע"ה און חיים ראָזענבעס ע"ה. יעקב ריימער איז געווען פאַרבונדן מיט דער „קדימה" העכער 30 יאָר און איז געווען איר פּרעזידענט אין משך פון לאַנגע יאָרן. חיים ראָזענבעס איז געווען פאַרבונדן מיט דער „קדימה" העכער 20 יאָר און האָט פאַרנומען אַ ריי יאָרן דעם אַמט פון וויצע־פּרעזידענט. (גענויער זע ווייטער).

פאַראַיאָרן איז אויך אַוועק אין דער אייביקייט ד"ר א. צימערמאַן ע"ה — דער שיינגייסט פון אויסטראַלישן יידישן ישוב, דער מנהיג און מליץ יושר פאַר די היגע פאָלקס־יידן און אַ גרויסער פריינד פון דער „קדימה". (פּרטים זע ווייטער).

מיר ווילן אויך דאָ פאַרצייכענען דעם טויט פון די פיר אָנפירנדיקע מיט־גלידער פון „קדימה" טעאַטער־קרייז: זיגמונט ברוסטמאַן ע"ה, חנה קאַטלאַזש ע"ה, בערל ראָזענבערג ע"ה און ישראל ראָטמאַן ע"ה —יעדער פון זיי האָט אויף זיין אופן צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק צו דער אַנטוויקלונג פון דעם טעאַ־טער־קרייז און צו דער קולטור־טעטיקייט פון דער „קדימה". (גענויער זע ווייטער).

פאַראַיאָרן איז אויך אַוועק אין דער אייביקייט דוד אַלטשול ע"ה — דער פּיאָנער פון דער יידישער פּרעסע אין אויסטראַליע, דער אַרויסגעבער פון דער ערשטער יידישער וואָכנצייטונג „אויסטראַליער לעבן" אין יאָר 1931.

בעת דער באַריכט ווערט געדרוקט האָט אויסגעהויכט זיין נשמה, נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקהייט, יוסף שפּערלינג ע"ה — קולטור־געזעל־שאַפטלעכער טוער, פּובליציסט, געוועזענער קאָמיטעט־מיטגליד און פּאַרזי־צער פון דער קולטור־קאָמיסיע פון דער „קדימה".

אין פאַרגאַנגענעם יאָר זענען מיר געווען עדות פון אַ פאַרשטאַרקטער אַנטי־ישראל־קאַמפּיין אין סאָוויעט־רוסלאַנד און אַ העפטיקער אַנטיסעמיטי־שער קאַמפּיין אין „סאָציאַליסטישן" פּוילן. אין שייכות מיט דעם איז פאַרגע־קומען אַ ווייטערדיקער יציאת פּוילן פון די רעשטלעך פון די פאַרבליבענע דאָרט יידן און נאָך אַ שטאַרקערע איינשרומפּונג פון דעם שוין אַזוי אויך מאָגערן דאָרטיקן יידישן לעבן. די „קדימה" האָט געווידמעט איינעם פון די רעפעראַטן, וואָס זי האָט איינגעאָרדנט אין פאַרגאַנגענעם יאָר, דעם מצב פון די יידן אין פּוילן. (זע טאַבעלע פון די „קדימה"־אונטערנעמונגען).

אויך די שענדלעכע אינוואַזיע פון טשעכאָסלאָוואַקיע דורך סאָוויעט־רוסלאַנד און דאָס צוימען די דאָרטיקע ליבעראַלע באַוועגונג פאַר פרייהייט און דעמאָקראַטיע, איז געווען פאַרבונדן מיט אַנטיסעמיטישע מאָמענטן, וואָס קענען שטאַרק באַדראָען דעם קליינעם טשעכישן יידישן ישוב.

מיט אומרו און מיט זאָרג האָט די „קדימה" צוזאַמען מיט די יידן איבער דער גאָרער וועלט נאָכגעפאָלגט די געשעענישן אין און אַרום ישראל. טראָץ דעם זיג פון דער ישראל־אַרמיי אין 1967, שטייט די מדינה אונטער אַ כסדרדיקער געפאַר פון אַ באַנייטער מלחמה. די „קדימה" האָט זיך מערערע מאָל אידענטיפיצירט מיטן ישראלדיקן ישוב, וואָס שטייט אין אַ

דער קאָמיטעט גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון, אַז דערמיט איז נאָך ווייט נישט דערגרייכט געוואָרן דער ציל, וואָס איז געשטעלט געוואָרן ביים איבער־טראָגן די „קדימה״ אין דער נייער געגנט. עס ווערן איצט געמאַכט צוגרייטונ־גען אַראָפּצונעמען גאָר אין גיכן די צוויי הייזער הינטער דער טעאַטער־גע־ביידע און אויפשטעלן אויף זייער אָרט אַ צוויי־שטאָקיקע געביידע, וווּ עס וועלן זיך געפינען אַ ביבליאָטעק מיט אַ לייען־זאַל און אַן אוידיטאָריע אויף קלענערע אונטערנעמונגען און אויסשטעלונגען, ווי אויך אַ ריי קלוב־צימערן.

אין דער נייער געביידע וועט די „קדימה״ האָבן אַ מעגלעכקייט צו פאַר־ברייטערן און פאַרטיפן איר אַרבעט אויף פאַרשיידענע געביטן. דאָרט וועט זיך קענען קאָנצענטרירן די טעטיקייט פון די קרייזן, וואָס זענען פאַראינטע־רעסירט אין יידישער פאָלקסטימלעכער קולטור־טעטיקייט, באַזונדערס פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

אויך די יוגנט, וואָס האָט אַן אינטערעס פאַר יידישער קולטור, וועט געפינען דאָרט אַן אָרט פאַר אירע טעטיקייטן.

דאָס איבערציען זיך אין דער נייער געביידע איז געווען פאַרבונדן מיט פאַרשידענע שוועריקייטן, וואָס האָבן געפאָדערט אַ כסדרדיקע אויפמערקזאַמ־קייט און אַ גרויסע אָנשטרענגונג מצד די קאָמיטעט־מיטגלידער און דעם סעק־רעטאַריאַט, דאָך האָט די „קדימה״ נישט פאַרנאַכלעסיקט די קולטור־טעטי־קייט. באַזונדערס דאַרף דערמאָנט ווערן דער געלונגענער באַזוך פון שמואל ראָזשאַנסקי פון אַרגענטינע. זיינע זעקס רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס, די רעדע, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער געטאָ־אַקאַדעמיע און די אַקציע פאַר די „מוסטערווערק פון דער יידישער ליטעראַ־טור״ האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך דערהויבנקייט און יום־טובדיקייט אין אונ־דזער ישוב און האָבן געגעבן אַ גרויסן צושטייער פאַר אונדזער קולטור־טע־טיקייט. (פרטים זע ווייטער).

עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן די 50־טע יאָרצייט נאָך דעם גרויסן שריי־בער, דעם קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע מוכר ספרים — דורך איינאָרדענען אַ פייערלעכע אַקאַדעמיע. (גענויער זע ווייטער).

עס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גאַנצע ריי רעפעראַטן און אַנדערע אונטערנעמונגען און עס זענען געוויזן געוואָרן אַ גרעסערע צאָל יידישע און ישראלדיקע פילמען. (זע טאַבעלע פון די „קדימה״־אונטערנעמונגען).

די פאַרשטייער פון דער „קדימה״ אין „באַארד אָף דעפּיוטיס״ האָבן גע־נומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין די זיצונגען פון דעם „באַארד״ און האָבן געלאָזן הערן זייער שטימע אין פיל געזעלשאַפטלעכע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום היגן יידישן לעבן.

אונדזער ישוב האָט געליטן אַ שווערן פאַרלוסט אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר מיטן שליסן זיך פון „די יידישע פּאָסט״ און „דזשואיש העראַלד״. דער „דזשואיש העראַלד״ האָט עקזיסטירט העכער 90 יאָר און „די יידישע פּאָסט״ העכער 20 יאָר. די „קדימה״ האָט געמאַכט באַמיאונגען אויפצוהאַלטן די צוויי וואָכנצייטונגען. לײדער האָבן די באַמיאונגען נישט געבראַכט קיין פּאָ־זיטיווע רעזולטאַטן און די צייטונגען האָבן אויפגעהערט צו דערשיינען אין אויגוסט פון פאַרגאַנגענעם יאָר. דער קאָמיטעט האַלט, אַז אונדזער ישוב נוי־

# יערלעכער באַריכט
# פאַרן 57-טן טעטיקייט-יאָר

חשובע פריינד, מיטגלידער פון דער „קדימה״,

מיר האָבן דעם כבוד איבערצוגעבן אייך דעם 57־טן טעטיקייט־ און קאַסע־באַריכט פון דעם יידישן קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה״ פאַרן יאָר 1968.

די טעטיקייט פון דער „קדימה״ אין דעם פאַרגאַנגענעם יאָר איז גע־שטאַנען אונטערן צייכן פון איבערטראָגן דעם זיץ־אָרט פון דער אינסטיטוציע אויף דער דרום־זייט פון דער יאָרא. די אַלטע געביידעס אין קאַרלטאָן זענען פאַרקויפט געוואָרן און עס איז געקויפט געוואָרן דער שיינער קינאָ־טעאַטער אין גאָרדאָן סטריט, עלסטערנוויק, מיט צוויי קלענערע הייזער, וואָס גייען אַרויס אויף סעלווין סטריט. די „קדימה״ האָט זיך איבערגעצויגן אין איר נייער היים דעם 24־טן אָקטאָבער 1968. דערמיט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אַ לאַנגיאָריקער טרוים פון דער אינסטיטוציע פון איבערגיין אין אַ געגנט, ווו עס געפינט זיך איצט דער רוב מנין פון אונדזער ישוב.

העכער צען יאָר האָט זיך די „קדימה״ געגרייט צו אָט דעם שריט. נאָך לאַנגע וויכוחים און העפטיקע אינערלעכע שטרייטן, וואָס האָבן גורם געווען אַ שטאַרקן קריזיס אין לעבן פון דער אינסטיטוציע, איז די „קדימה״ ענדלעך אַרויף אויף אַ וועג, וואָס וועט, ווי מיר גלויבן, פירן צו איר ווייטערדיקער שנעלער אַנטוויקלונג אין בעסערע און צוגעפּאַסטע צו היינטיקע צייטן באַ־דינגונגען.

די „קדימה״ דיספּאָנירט איצט מיט אַ גרויסן און שיינעם זאַל אויף אונטערנעמונגען מיט אַ פיינעם רעסטאָראַן און פאָיע. אין איר באַזיץ געפינען זיך מאָדערנע מאַשינען צו ווייזן פילמען. עס וועט אין גיכן דורכגעפירט ווערן אַ רעמאָנט צו פאַרשענערן דעם זאַל און דעם פאָיע און עס וועט אויסגעבויט ווערן אַ גרויסע און גוט איינגעאָרדנטע בינע מיט די נויטיקע גאַרדעראָב־ און אַנדערע צימערן, וואָס וועלן דערמעגלעכן שפּילן אַ בעסערן יידישן טעאַטער. דערווייל ווערן געוויזן אין דער נייער געביידע יידישע און ישראלדיקע פיל־מען. דערמיט ווערט אויסגענוצט פאַר יידישער קולטור־אַרבעט איינע פון די וויכטיקסטע היינט־צו־טאָג קונסט־מעדיומס.

דאָס אַריבערגיין פון דער „קדימה״ קיין עלסטערנוויק איז אויפגענומען געוואָרן פון גאַנצן ישוב מיט גרויס פרייד. די אָפיציעלע דערעפענונג פון דער נייער „קדימה״־היים איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אימפּאָזאַנטן קולטור־יום־טוב, וואָס איז בייגעוווינט געוואָרן פון הונדערטער פריינד פון דער אינס־טיטוציע. (גענויער זע ווייטער).

דאָס קויפן דעם געוו. „עסקווייער״־טעאַטער איז מעגלעך געווען אַ דאַנק דעם טיילווייזן איינקאַסירן די באַשטייערונגען, וואָס זענען צוגעזאָגט געוואָרן בעת דער אַפּיל־אַקציע פאַר אַ יידישן קולטור־צענטער מיט איניקע יאָר צוריק.

## ייִדישער קולטור־צענטער
## און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה"

אַמטן אין יאָר 1968

### עקזעקוטיוו:

מר. ס. בורשטין — פרעזידענט

מר. פּ. אַלטמאַן — וויצע־פּרעזידענט

מר. ה. ראָזענבעם — וויצע־פּרעזידענט (געשטאָרבן דעם 20.7.68)

מר. פּ. קרישטאַל — ערן־קאַסירער

מר. ב. ווייסמאַן — געהילף פון ערן־קאַסירער

מר. ש. גאָלדשטיין — ערן־סעקרעטאַר

מר. י. אָרבאַך — פאָרזיצער פון דער קולטור־קאָמיסיע

### קאָמיטעט:

מר. ה. באָרענשטיין

מר. ה. גאָלדענפּיין

מרס. ל. גאָטליב

מר. ב. ווינער

מר. מ. ווילענסקי

מר. וו. יאַבלאָנסקי

מר. י. ליטמאַנאָוויטש

מר. ה. מיאַדאָווניק

מר. ב. פּאַטקין

מר. נ. סמוזשיק

מר. א. קאָזלאָווסקי

מר. ש. ריכטער

מר. ש. שוואַרץ

מר. מ. שוואַרצבערג

ערן־אַדוואָקאַט — מר. י. אָקנאָ, לל.ב.

אוידיטאָר — מר. ל. סטאָן

סעקרעטאַר — מר. ל. פרידמאַן

ביבליאָטעקאַר — מר. י. קעסלער

פריערדיקע ביבליאָטעקאַרן:

מר. פּ. גאָלדהאַמער און מר. ש. טשעראָן




די פּראָיעקטירטע „קדימה"-געביידע אין סעלווין סטריט, עלסטערנוויק (הינטער דעם עקזיסטירנדיקן טעאַטער), ווו עס וועלן זיך געפינען די ביבליאָטעק מיטן לייען-זאַל, אַן אוידיטאָריום אויף אונטערנעמונגען און אויסשטעלונגען און קלוב-צימערן.

געגרינדעט דעם 26־טן דעצעמבער, 1911.

# יידישער קולטור־צענטער און נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק „קדימה״

9 גאָרדאָן סטריט, עלסטערנוויק

## 57-טער טעטיקייטס-באַריכט

פאַרן יאָר 1968

און

## קאַסע-באַריכט

פאַר דער צייט

פון 1־טן סעפטעמבער 1967 ביזן 31־טן אויגוסט 1968.

מעלבורן 1969 מערץ